בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני פסח

## כיתה ב׳ (ב)

הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

# הלכות און מנהגים אויף פסח

## ברכת אילנות

א. אין חודש ניסן איז די צייט וואס דיביימער וואקסן און ס'בליעהן, עס הייבט שוין אן ארויסצוגעבן אזעלכע בלימען, דעריבער ווען איינער זעהט אין די טעג פון ניסן א בוים פון פירות וואס הייבט אן צו וואקסן מאכט ער א ברכה "ברוך את ה' אלוקינו מלך העולם שלא חיסר בעולמו כלום ובא בו בריות טובות ואילנות טובות כדי להנות בהן בני אדם", און די ברכה קען ער מאכן א גאנץ חודש ניסן.

## שבת הגדול

א. די שבת פאר פסח ווערט אנגרופן "שבת הגדול" ווייל ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים איז אויסגעפאלן י' ניסן אין שבת, און די אידן האבן גענומען די קרבן פסח (די לעמעלע) און זיי האבן עס צוגעבינדן צו די בעט און דאס איז געווען די עבודה זרה פון די מצריים, און עס האבן זיך צוזאם גענומען די בכורים פון די גוים צו די אידן און זיי האבן געפרעגט פארוואס נעמען ענק די לעמעלע וואס איז אונזער עבודה זרה? האבן די אידן געענטפערט: דאס איז א קרבן פסח פאר'ן אייבירשטן אז ער גייט הרג'ענען די בכורים פון די מצריים, האבן זיך די בכורים זייער דערשראקן און זיי זענען געלאפן צו זייערע עלטערן און צו פרעה צו בעטן אז זיי זאלן ארויס שיקן די אידן פון מצרים, און פרעה האט נישט מסכים געווען, און די בכורים האבן מלחמה געהאלטן און זיי האבן געהרג'עט אסאך פון זיי, און אין די שבת איז געווען די אנהייב פון די גאולה און פון די נסים, דעריבער רופט מען אן דעם שבת פון פאר פסח "שבת הגדול".

## בדיקת חמץ

א. די תורה האט געהייסן אז אין די זיבן טעג פון פסח טאר נישט זיין קיין חמץ אין קיין שום פלאץ וואס געהערט פאר איהם, דעריבער דארף מען פאר פסח פארברענען די גאנצע חמץ וואס ער פארמאגט.

ב. א נאכט פאר פסח – אור לי"ד ניסן – איז מען בודק די חמץ מיט א ליכט און נישט מיט א אבוקה (פאקל), און דער טעם וואס מ'איז בודק דווקא ביינאכט איז: 1) ווייל די ליכטיגקייט פון א ליכט באלייכט בעסער ביינאכט אז מ'זאל קענען בודק זיין גוט, 2) ווייל ביינאכט געפינען זיך אלע מענטשן אין זייערע שטובער.

ג. גלייך נאך מעריב דארף מען בודק חמץ זיין, און מ'טאר נישט מאכן קיין שום מלאכה פאר די בדיקה, און אפילו לערנען טאר מען נישט דעמאלטס.

## סדר הבדיקה

א. מ'פירט זיך צו לייגן צען ברעקעלעך חמץ ארומגעוויקלט גוט און עס צושפרייטן אין שטוב פאר'ן בודק חמץ זיין, און יעדע איינס פון די ברעקלעך זאל זיין וויינינגער ווי א כזית כדי אז אויב ער ווערט עס נישט טרעפן זאל ער נישט עובד זיין אויף די איסור פון "בל יראה ובל ימצא" אבער אלע ברעקלעדל צוזאמען זאל יא זיין א כזית ווייל ס'איז דא וואס זאגן אז וויינינגער ווי א כזית דארף מען נישט בודק זיין און ס'וועט זיין א ברכה לבטלה.

ב. די טעם פארוואס מ'לייגט צען ברעקלעך, אקעגן די צען מכות וואס די מצריים האבן באקומען.

ג. מ'נעמט א ליכט פון שעוה כדי מ'זאל קענען אנקומען צו אלע לעכער און שפאלטן, אזוי אויך נעמט מען א פעדער מיט א לעפל פון האלץ.

ד. מ'מאכט א ברכה "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם אשר קדשנו במצוותיו וצונו על ביעור חמץ", און מ'איז בודק אין אלע לעכער און שפאלטן און אין אלע פלעצער וואס מ'לייגט אריין דארט חמץ.

ה. מ'פירט זיך צו בודק זיין אין אלע טעשער פון די קליידער ווייל אסאך מאל לייגט מען אריין דארט חמץ.

ו. נאך וואס מ'האט געענדיגט צו בודק זיין זאגט מען "כל חמירא וחמיעא וכו'", און מ'איז מבטל (מ'איז מפקיר) די חמץ וואס מ'האט נישט געטראפן.

## שריפת חמץ

א. אינעם טאג י"ד ניסן אין די פינעפטע שעה פארברענט מען די חמץ און אויך די לעכט מיט די פעדער און די לעפל, און ס'איז דא וואס פירן זיך אויך צו פארברענען די לולב מיט די ערבות פון די הושענות.

ב. מ'זאגט די תפילה פון "כל חמירא וחמיעא וכו'" אז די גאנצע חמץ זאל זיין ווי זאמד און ס'זאל זיין הפקר.

ג. מ'דארף גוט אויסשווענקען די מויל נאך וואס מ'עסט חמץ ערב פסח צופרי.

ד. מ'טאר נישט עסן מצה ערב פסח כדי מ'זאל דערקענען די מצוה פון עסן מצה פסח ביינאכט און ער זאל עס עסן מיט אפעטיט (עס איז דא וואס פירן זיך נישט צו עסן מצה פון ראש חודש ניסן).

ה. ערב פסח פאסטן די בכורים זכר צו די נס וואס ביי מכת בכורות זענען די בכורים פון די אידן ניצול געווארן אין מצרים, און מ'פירט זיך אז מ'מאכט נאך שחרית א סיום מסכת און דעמאלטס מעגן די בכורים עסן ווייל ס'איז א סעודת מצוה.

## ערב פסח

**אין די צייטן וואס די בית המקדש איז געשטאנען האבן זיך אין י"ד ניסן צוזאמגענומען אלע אידן - וואס זענען דעמאלטס געווען זייער אסאך מענטשן אזוי ווי די זאמד פון די ים - און זיי זענען געקומען קיין ירושלים צו מקריב זיין די "קרבן פסח" אין די צייט.**

א. אויף א קרבן פסח האט מען געדארפט ברענגען א לעמעלע.

ב. א זכר וואס איז אלט א יאר.

ג. אויף די לעמעלע האבן זיך געדארפט ציילן (א קבוצה פון אפאר מענטשן וואס האבן געדארפט עסן פון דעם) ווען די לעמעלע האט נאך געלעבט, און אויב ס'איז נישט געווען גענוג מענטשן אין איין משפחה האט מען זיך מצטרף געווען צוזאמען מיט נאך א משפחה, אזוי ווי ס'שטייט "שה לבית אבות שה לבית".

ד. אין די צייט וואס מ'האט גע'חט'ן דעם קרבן פסח האבן די לויים געזאגט הלל און אויף יעדע מאל וואס מ'האט געליינט הלל האט מען געבלאזן דריי תקיעות (תקיעה תרועה תקיעה).

ה. די פלייש פונעם קרבן פסח האט מען נישט געטארט קאכן, נאר מ'האט עס געדארפט בראטן אויף די פייער, און מ'האט עס געגעסן צוזאמען מיט מצה און מרור.

ו. היינט ווען ס'איז נישטא קיין בית המקדש פירט מען זיך אז נאך מנחה פון ערב פסח זאגט מען די "סדר הקרבת קרבן פסח" אזוי ווי ס'איז געווען איינגעפירט אין די צייטן וואס די בית המקדש איז געשטאנען, ווי ס'שטייט "ונשלמה פרים שפתינו".

## שמות החג

די יו"ט פסח האט אפאר נעמען:

1) חג החירות, ווייל אין דעם יו"ט זענען אונזערע עלטערן ארויס מעבדות לחירות, און די נאמען דערמאנען מיר ביים דאווענען "זמן חירותינו".

2) חג המצות, צוליב די מצוה פון אכילת מצה וואס דער אויבערשטער האט באפוילן ווען מ'איז ארויס פון מצרים, אלס זכר צו דעם וואס די מצריים האבן ארויסגעשיקט די אידן פון מצרים שנעל און זייער טייג האט נישט אנגעיאגט צו זויער ווערן, דעם נאמען טרעפן מיר אין די תורה, ווי ס'שטייט "את חג המצות תשמור".

3) חג הפסח, צוליב דעם וואס הקב"ה איז אריבער געשפרינגען די שטובער פון די אידן אין מצרים און האט נישט גע'הרג'עט נאר די בכורים פון די מצריים, און אויף דעם נאמען ווערט אויך אנגערופן די קרבן וואס מ'האט מקריב געווען ערב יום טוב "קרבן פסח".

## ליל התקדש החג

א. נאך מעריב זאגט מען גאנץ הלל מיט א ברכה, און מ'פטר'ט מיט די ברכה די הלל וואס מ'זאגטביים סדר.

ב. מ'גרייט אן די סדר טיש מיט שיינע כלים פון זילבער און פון גאלד, און מ'פירט זיך אזוי ווי בני מלכים כדי צו ווייזן פאר אלעמען אז מ'פרייט זיך מיט די גרויסע נסים וואס ער אייבישטער האט געטוהן.

ג. דער ראש המסובים טוט אן א ווייסע קיטל אזוי ווי מלאכים און צו ווייזן א דרך חירות.

ד. פסח ביינאכט איז א "ליל שימורים" אזוי ווי ס'שטייט אין די תורה "ליל שימורים הוא לה'", דאס מיינט א נאכט וואס איז אפגעהיטן פון מזיקים, און דעריבער ליינט מען נישט קיין קריאת שמע שעל המיטה נאר די ערשטע פרשה.

ה. עס איז דא וואס פירן זיך אז מ'פארשפארט נישט די טיהר פסח ביינאכט כדי צו ווייזן אז מ'האט נישט מורא ווייל ס'איז א ליל שימורים.

## מצות ד' כוסות

די טעם פארוואס מ'טרינקט פיר כוסות פסח ביינאכט, ווייל ווען דער אייבישטער האט צוגעזאגט פאר די אידן אז ער וועט זיי אויסלייזן פון מצרים ווערט דערמאנט אין פסוק פיר לשונות פון גאולה "והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי".

און די פינעפטע כוס "כוס של אליהו הנביא" איז אקעגן די פינעפטע לשון פון גאולה וואס ס'שטייט "והבאתי" וואס איז מרמז אויף די גאולה העתידה.

## כולנו מסובין

די פיר כוסות, די כזית מצה, און די אפיקומן דארף מען עסן און טרינקען אנגעלאנט ווייל דאס איז א דרך חירות און פסח ביינאכט דארף יעדער איינער זיך אויפפירן ווי בני חורין.

מ'דארף זיך אנלאנען אויף די לינקע זייט כדי ס'זאל חלילה נישט אנקומען די עסן צו די קנה אנשטאט צו די וושט און ער וועט חלילה צוקומען צו א סכנה.

## סדר הקערה

א. אין די קערה לייגט מען אריין דריי מצות, און זיי ווערן אנגערופן: כהן, לוי, ישראל.

ב. אויף די קערה פון אויבן לייגט מען מען 6 זאכן: זרוע, ביצה, מרור, חרוסת, כרפס, און חזרת.

ג. די זרוע איז א זכר צו די קרבן פסח, און די איי איז א זכר צו די קרבן חגיגה, און די זרוע איז א זכר צו די זרוע הנטויה.




## מנהגי החג

א. אסאך פירן זיך נישט צו עסן אין פסח נאר פירות וואס מ'קען אפשיילן.

ב. די מנהג איז אין פסח אז מ'עסט נישט קיין שום עסנווארג ביי פרעמדע מענטשן נאר ביי זיך אינדערהיים.

ג. מ'פירט זיך אז מ'עסט נישט פסח קיין שום עסנווארג וואס איז אראפגעפאלן אויף די ערד.

## ספירת העומר

פון די צווייטע נאכט פסח הייבט אן צו ציילן ספירת העומר ביז יו"ט שבועות קבלת התורה, און מ'ציילט יעדן טאג ביז ווען ס'וועט אנקומען די גרויסע טאג פון קבלת התורה.

# שאלות מיט תשובות

**א. פארוואס ווערט אנגערופן דער שבת פאר פסח "שבת הגדול"?**

ווייל ס'איז געווען א גרויסע נס, ווייל די אידן האבן צוגעבינדן די לעמעלע און די גוים האבן געזעהן און זיי האבן גארנישט געטוהן פאר די אידן.

**ב. וואס מיינט "קמחא דפסחא"?**

מעהל פון פסח, דאס מיינט אז מ'געבט געלט פאר ארימע לייט אז זיי זאלן קענען קויפן די זאכן פאר פסח.

**ג. ג. מיט וועלכע לעכט איז מען בודק חמץ?**

מיט א שעווה לעכט, כדי מ'זאל קענען בודק זיין אין אלע לעכער און שפאלטן.

**ד. וואס פירט מען זיך צו טוהן פאר ווען מ'איז בודק חמץ?**

מ'לייגט 10 שטיקלעך ברויט און דער טאטע זוכט עס אויף.

**ה. פארוואס פאסטן די בכורים ערב פסח?**

א זכר צו די נס אז די בכורי זענען ניצול געווארן אין מצרים פון מכת בכורות, און מ'פירט זיך אז די בכורים נעמען א טייל אין א סיום מסכתא און דעמאלטס דארף מען נישט פאסטן.

**ו. מיט וועלכע וואסער באקט מען די מצות?**

מיט "מים שלנו" דאס מיינט וואסער וואס האט איבערגענעכטיגט א נאכט פאר'ן באקן, "שלנו" מיינט אז ס'איז געשלאפן פאר'ן באקן.

**ז. וואס זענען די נעמען פון יו"ט פסח?**

1) חג הפסח. 2) חג המצות. 3) חג החירות.

**ח. פארוואס רופט מען די סדר נאכט מיטן נאמען "ליל שימורים"?**

ווייל פסח ביינאכט היט דער אייבישטער אויף אונז אזוי ווי ס'איז געווען אין די נאכט פון יציאת מצרים.

**ט. וויפיל מצות נעמט מען אויפן סדר נאכט?**

דריי.

**י. ווי אזוי רופט מען די דריי מצות?**

כהן, לוי, ישראל.

**יא. וויפיל גלעזער וויין טרינקט מען פסח ביינאכט?**

פיר.

**יב. אקעגן וואס טרינקט מען פונקט פיר?**

אקעגן די פיר לשונות פון גאולה: והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי.

**יג. אויף וועלכע זייט דארף מען זיך אנלאנען ווען מ'טרינקט די פיר כוסות?**

מ'דארף זיך אנלאנען אויף די לינקע זייט אזוי ווי קינדער פון מלכים.

**יד. פארוואס וואשט מען זיך די הענט ביי ורחץ?**

ווייל יעדע זאך וואס מ'טונקט איין אין א משקה דארף מען זיך קודם וואשן די הענט, און אונז טונקען מיר איין די כרפס אין זאלץ וואסער דעריבער וואשן מיר זיך די הענט.

**טו. וויפיל מכות האט דער אייבישטער געברענגט אויף די מצריים?**

10 מכות:. דם, צפרדע, כינים, ערוב, דבר, שחין, ברד, ארבה, חושך, מכת בכורות.

**טז. פארוואס טונקט מען איין די מרור אין חרוסת?**

ווייל חרוסת קוקט אויס אזוי טיט, און די אידן האבן געארבעט אין מצרים מיט טיט.

**יז. פארוואס עפנט מען די טיהר פאר אליהו הנביא?**

ווייל פסח איז דער "חג הגאולה" און אליהו הנביא וועט קומען מבשר זיין אז ס'גייט שוין זיין די גאולה.

**יח. פארוואס עסט מען די אפיקומן?**

א זכר וואס מ'האט געגעסן דעם קרבן פסח.

**יט. פארוואס ליינט מען נאר די ערשטע פרשה פון ואהבת ביי קריאת שמע?**

ווייל פסח איז א ליל שימורים און דער אייבישטער היט אונז אפ.

**כ. פון ווען הייבט מען אן צו ציילן ספירת העומר?**

פון מוצאי דעם ערשטן יו"ט פון פסח.

**כא. פארוואס ציילן מיר ספירת העומר?**

ווייל מיר פרייען זיך אז ס'גייט קומען יו"ט שבועות וואס די אידן האבן באקומען די תורה, און מ'ציילט וויפיל טעג אונז האבן מיר נאך ביז דעם הייליגן יום טוב.